


גליון מס' 46

# תורת יואל

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

## פרשת ואתחנן תשפ"ה

## ואתחנן אל ד' בעת ההיא לאמה, אתה החלות להראות וגו', ויאמד ד' אלי רב לך אל תוסף וגו',

רש"י: **הרבה מזה שמור לך רב טוב הצפון לך:** פיהל גוטס איז פארגעברייט פאר דיר, במילא בעט מיך נישט צו קענען אריינגיין אין ארץ ישראל.

פרעגט דער רבי זי"ע, דער טעם פארוואס משה רבינו האט געוואלט אריינגיין אין א"י, איז ווייל ער האט געוואלט מקיים זיין **מצוות התליות בארץ:** די מצוות וואס מען קען מען נאר מקיים זיין אין ארץ ישראל, אויב אזוי וואס האט אים דער באשעפער געזאגט: הרבה מזה שמור לך - **רב טוב** משה האט דאך געזוכט צו מקיים זיין נאך און נאך מצוות, נישט קיין רב טוב וואס מיינט לכאורה שכר בעולם הבא?

עס איז דא א מדרש פליאה: **אתה החלות - זה המן**, איז שווער, וואס איז דער שייכות פון המן הרשע צו אונזער פרשה.

דער רבי ברענגט א **פרקי דר' אליעזר**, אז ווען השי"ת האט זיך באוויזן צו משה ביים סנה, האט ער אים געשווארן אז אלעס וועל איך דיר נאכגעבן, אחוץ צוויי ענינים, יום המות און אריינגיין קיין ארץ ישראל.

איז דער הייליגער **ישמח משה** מסביר, אז השי"ת האט געזאגט צוויי ענינים, און נישט געזאגט וועלעכע, די וועסט שוין שפעטער וויסן וועלעכע צוויי - ווייל נישט אריינגיין קיין א"י איז הערשט נגזר געווארן פיהל שפעטער.

אין **מדרש רבה** שטייט פארוואס האט השי"ת נישט מגלה געווען פאר אברהם אבינו אז המן הרשע וועט האבן א מפלה, **אמר רבי אבא בר כהנא כך הוא דרכן של צדיקים:** דער מהלך פון צדיקים איז אמור מעט ועשה הרבה, רעדן ווייניג אבער טוהן אסאך, און השי"ת פיהרט זיך די זעלבע, במילא האט ער גארנישט געזאגט פאר אברהם, נאר געטוהן צו די זאך, און מרדכי האט מנצח געווען המן הרשע.

מיט די הקדמות איז דער רבי מסביר די תפילה פון משה רבינו, משה האט געבעטן השי"ת, אזוי ווי די האסט מיר צוגעזאגט אז די וועסט מיר אלעס נאכגעבן, במילא בעט איך דיר די צוויי ענינים אויך, כדי די זאלסט מקיים זיין דעם אמור מעט ועשה הרבה, און די ראי' איז פון המן וואס דארט האט אויך השי"ת געטוהן פיהל מער ווי ער האט געזאגט.

און דאס איז פשט אין פסוק, **אתה החלות להראות - זה המן**, וואס דארט זעהן מיר די מידה פון אמור מעט... אויב אזוי בעט איך **אעברה נא ואראה**, אז דאס זאלסטו מיר אויך נאכגעבן: **אריינגיין אין א"י**, און מיט דעם וועסטו מקיים זיין **אמור מעט ועשה הרבה.**

אויף דעם האט השי"ת געענטפערט, **רב לך - הרבה מזה שמור לך**, פיהל מער גוטס איז אוועקגעלייגט פאר דיר בעולם הבא, וואס איך האב דיר נאך נישט געזאגט, און מיט דעם וועל איך מקיים זיין דער **אמור מעט ועשה הרבה.**

# נסיעה תשכ"ה (שרייבט)

**הרה"ח ר' שמואל יצחק ראזינגער הי"ו**, גיט איבער אן אינטערעסאנטע עובדה פון רביה"ק, וואס ער איז געווען דערביי, ביי די נסיעה - תשכ"ה, ביים באזוכן בני ברק, איז דער רבי זי"ע איז געקומען פארהערן די קינדער/בחורים, און די הנהלה האט צוגעגרייט א אויבנאן ווי ס'פאסט, און מ'האט געברענגט פון א דערנעבענדיגער שכן א שיין סחורה'נעם בענקל פארן רבי'ן ר' אברהם יצחק דייטש ז"ל (פון די הנהלת הת"ת) רופט זיך אן <u>דער רבי וועט זיכער זיך נישט אראפזעצן אויף דעם בענקל</u>, האט מען אויך צוגעלייגט דערנעבן א פשוט'ן האלצען בענקל, אזוינס וואס די מלמדים נוצן, דער רבי קומט אריין, און זעצט זיך גלייך אויפן האלצענעם בענקל, לכאורה האט דער רבי חושש געווען אויף שעטנז.

ביי יענע נסיעה האט מען געמאכט פארן רבי'ן א ספעציעלן בענקל פון סינטעטישע לעדער, וואס דער רבי האט גענוצט במשך די נסיעה, נאכדעם איז עס אריבער צום ריסקעוווער רב, וואס האט עס גענוצט עד יומו האחרון, דער בענקל איז אריבער בירושה צו אן אייניקל, און מ'האט עס אריבערגעברענגט קיין נ.י.

## הערת הקורא

הגיעו לידי א בריוו, וואס דער כותב, הרה"ח ר' יעקב יוסף ווײנער - לאנדאן, שרייבט אן עדות'שאפט אז אין זייער משפחה איז דא א העמד פון רביה"ק, אין עס האט די בוכשטאבן (JT) אויסגענייט.

ווי אזוי איז דער העמד אנגעקומען צו אונז? דערציילט ר' יעקב יוסף, מיין פאטער האט נישט געהאט קיין קינדער די ערשטע יארן נאך זיין חתונה, די באבע מרת ברײנדל איז געקומען פון אויסטראליע צום רבי'ן, צו פועל'ן א ישועה פאר איר זוהן, דער רבי האט זייער גוט געקענט איר משפחה, ווייל איר טאטע, הרה"ח ר' ישראל משה ז"ל האט געוואוינט אין האלמין זייער נאנט צו סאטמאר, דער רבי האט זייער שטארק אנגעוואונטשען אין געהייסן געבן א העמד, זי זאל דאס איבערגעבן איר זוהן וואס דארף א ישועה, ברכת צדיק עשה רושם, און האט געבוירען א מיידל צום יאר, מיין עלטערע שוועסטער, און דערנאך א פיהלע שטוב מיט קינדער, זכותו יגן עלינו.

## מעשה: הכרת הטוב

(לע"נ יקותיאל פנחס בן ברוך צבי הכהן י"ג אב)

מיין עלטער זיידע הרה"ח ר' יקותיאל פנחס פילאפף ז"ל, איז ניצל געווארן פון די קריג, אבער אהיימגעקומען עלנד, פארלוירען זיין אשת נעורים, דאהי אין אמעריקע האט ער חתונה געהאט בזו"ש מיט די חשוב'ע מומע מרים בת הרה"ח ר' יודא ארי פאל, פון קלוזענבורג

רבי יודא לייב פאל ז"ל, איז געווען פון רבי'ן'ס געווארדיע אין די שטאט קלויזענבורג, ער האט געשיקט דעם קאנסוס הרבנות פאר רביה"ק פון די ארטאהדאקסישע קהילה אין קלויזענבורג, וואס האבן זיך אפגעטיילט פון די סטאטס-קווא, דער רבי האט עס אנגענומען, און דערנאך איבערגעגעבן און אהינגעשיקט חתן-אחיו הרב יקתיאל יודא ה"ש ז"ל.

די מומע איז געווען זייער נאנט מיט די סאטמארע רעבעצין, און אסאך ארויסגעהאלפן מיט אירע חסד אקטיוויטעטן, די מומע האט גוט געקענט נייען, און זי האט גענייעט פאר די רעבעצין בעט-געוואנט און אנדערע זאכן וואס די רעבעצין האט געקענט טיילען פאר ארימע שטובער.

איינמאל האט די מומע אויסגעשטריקט א הערליכע משנכנס פארן רבי'ן'ס שטוב, די רעבעצין האט דאס אריינגעברענגט און געוויזן פארן רבי'ן, דער רבי באטראכט דאס, אין זאגט: <u>יא!! ער נעמט אן די מתנה</u> און געהייסן אויפהענגען די נייע אנשטאט די אלטע.

ביים אראפנעמען די אלטע, האבן זיך געיאוועט עטליכע וואס האבן דאס געוואלט נעמען צו זיך, דער רבי הייסט: <u>מען זאל די אלטע אריבערשיקן צו מרת פילאפף</u>, אלס הכרת הטוב פאר די פיהלע הילף וואס זי העלפט ארויס די רעבעצין.

ידיעות קאלום

מנהג | טעמו | ומקורו

### מנהג: שבת'דיגע בגדים (ה)

### ווען קען מען טוישן מוצ"ש?

אין יסוד ושורש העבודה זעהן מיר, **וכתב האריז"ל שלא להסיר בגדי שבת עד אחר אכילת סעודה ד** עכ"ל, און ער לייגט צו, **ואשרי אנוש יעשה זאת ובן אדם יחזיק בה**, די זעלבע ווערט געברענגט אין **כף החיים**, <u>והנכון שישארו עליו עד אחר סעודת רביעי</u>.

און קונטרס אחרון למנהגי חת"ם סופר, שטייט וכן הי' מנהג החת"ם סופר כפי שהובא בספר תומר דבורה, <u>מלוה מלכה הי' עושה במלבושי שבת</u>, אזוי אויך שטייט אין ספר זכרון יהודא - מנהגי פון מהר"ם א"ש, אחרי הסעודה (מלוה מלכה) מיד הי' פושט כל בגדי שבת ולבש בגדי חול.

אבער אסאך פוסקים האבן געהאלטן אז מ'זאל נישט אויסטוהן די בגדי שבת ביז מ'גייט שלאפן, אזוי ווערט געברענגט אין **ספר לקט יושר** (מנהגי תרומת הדשן) <u>וזכורני שאינו פושט כל בגדי שבת במוצאי שבת עד שהלך לישון</u>.